## קאַפּיטל אַכט

# ד״ר הערצל אין זיין אויסגעטרוימט לאַנד

ווען מען האָט געבראַכט דעם אָרון מיט די ביינער פֿון ד״ר הערצל קיין מדינת ישׂראל, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט מיטן אָרון אין תּל־אָביב, צו געבן דעם עולם די געלעגנהייט אָפּצוגעבן כּבֿוד דעם גרינדער פֿון פּאָליטישן ציוניזם און פֿאָראויסזאָגער פֿון גאולה אין אונדזער צייט. דער ישובֿ איז באמת באַגייסטערט געוואָרן פֿון דעם געדאַנק צו ברענגען די ביינער פֿון הערצל קיין מדינת ישׂראל. דאָס פֿאָלק האָט געזען אין דעם אַ באַשטעטיקונג פֿון אמתער גאולה. די רעגירונג האָט אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז נישט אַלע ייִדן קאָנען קומען קיין ירושלים צו דער קבֿורה (ווען, האָבן אַלע געוואָלט פֿאָרן), האָט זי באַשטימט צו האַלטן דעם אָרון אַ נאַכט אין תּל־אָבֿיבֿ. די שטאָט פֿאַרמאָגט אַ פֿערטל מיליאָן ייִדן, מער ווי אַ פֿערטל פֿון ישובֿ; אַ חוץ דעם איז קיין תּל־אָבֿיבֿ גרינגער צוצוקומען פֿון גליל און עמק הירדן. צולאָזן צום אָרון אַלעמען אויף איין מאָל איז נישט פּראַקטיש, איז עמיצער געפֿאַלן אויף אַ גוטן פּלאַן: מען האָט צעטיילט תּל־אָבֿיבֿ אויף פֿיר דיסטריקטן. פֿאַר יעדן טייל פֿון שטאָט האָט מען באַשטימט צוויי שעה. אַזוי אַז פֿון אַכט פֿאַרנאַכט ביז פֿיר פֿאַרטאָג וועט די גאַנצע שטאָט קאָנען קומען און אָנקוקן דעם אָרון אָן שטופּעניש און אָן געפּאַר.

מיר זענען אין יענעם טאָג אָפּגעפֿאָרן פֿון רעננה צו אונדזערע קרובֿים קיין תּל־אָבֿיבֿ. מיר האָבן דאָרט אַראַנזשירט צו נעכטיקן און אין אָוונט אָנקוקן הערצלס אָרון. דער טייל פֿון שטאָט ווו מיין קרובֿ האָט געוווינט, האָט געקאָנט אָנקוקן דעם אָרון פֿון צוועלף אַזייגער ביינאַכט ביז צוויי, האָבן מיר געהאַט אַ פֿרייען אָוונט. אויף יענעם אָוונט האָט די הבימה אַנאָנסירט, אַז זי וועט שפּילן

די דראַמע „בערבות הנגב“ — אין די וויסטעניש פֿון נגב. האָבן מיר באַשטימט צו גיין אין טעאַטער.

בייטאָג בין איך געגאַנגען קויפֿן בילעטן. איך בין געפֿאָרן אַ גאַנץ היפּשע צייט מיטן אויטאָבוס. איך האָב זיך געוווּנדערט, וואָס דער טעאַטער געפֿינט זיך נישט אין געשעפֿט־צענטער. שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז עס שאַדט נישט דעם טעאַטער.

איך בין אַראָפּגעשטיגן אויף אַ שיינעם, שטילן סקווער, אַרומגערינגלט מיט שטילע, נישט קיין געשעפֿט־גאַסן. אַרומגערינגלט מיט ביימער, איז געשטאַנען אַ פּראַכטפֿולער בנין רונד געבויט. צענדליקער טרעפּ האָבן מיך אַריינגעפֿירט צום בילעטן־ביוראָ. איך בין געבליבן שטיין אויף אַ ברייטער פּלאַטפֿאָרמע, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם רחבותדיקן סקווער. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קולטור־ענינים אין מדינת ישראל, האָב איך זיך אויסגעלערנט נישט צו ווערן צו איבעראַשט. אָט האָט אַזאַ קליין שטעטל ווי רעננה צוויי ביכער־געשעפֿטן. איין ביכער־געשעפֿט האָט געהאַנדלט מיט צייטונגען, זשורנאַלן און לייכטער ליטעראַטור און דאָס אַנדערע ביכער־געשעפֿט האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף סאָלידע ביכער. אין תל־אביב, וואָלט איך געשוווירן, געפֿינען זיך פּראָפּאָרציאָנעל, מער ביכער־געשעפֿטן ווי באַרס (שענקען) אין ניו־יאָרק. דאָך האָט מיך דער וווּנדערבאַרער בנין פֿון דער הבימה אימפּאָנירט. עס באַווייזט אַז דער ישוב פֿאַרשטייט, אַז מדינת ישראל איז נישט גלאַט אַ מלוכהלע פֿון אַ באַלקאַניש פֿאָלקעלע, אָן טראַדיציע און אָן געשיכטע. ס׳איז אַ יידישער ישוב, וואָס טראָגט דעם יאָך פֿון אַ דריי טויזנט יאָריקער קולטורעלער ירושה, און קולטור איז אַ טייל פֿון ישובס לעבן, אָט ווי דער טראַקטאָר און די ביקס.

איך בין צוגעגאַנגען צום בילעטן־פֿענצטערל. איך האָב גערעדט יידיש צו דער פֿאַרקויפֿערין:

— גיט מיר גוטע בילעטן, אין צענטער, נישט ווייט פֿון דער בינע. מיין משפּחה איז אַביסל שטומפּיק אויף דער עברי, איבערהויפּט ווען עס קומט צו העברעאיש מיט דער ספּרדישער הברה־אויסשפּראַך.

זי האָט אַ שמייכל געטון: — איך האָב פֿאַר אייך אַזעלכע בילעטן.

— וואָס לאַכט איר פֿון מיר? — האָב איך איר געפֿרעגט.

— חלילה, איך לאַך נישט, — האָט זי געענטפֿערט, — אָבער איך האָב שוין געהערט דעם פּזמון היפּשע עטלעכע מאָל. איך האָב עס געהערט אין מאָסקווע, דערנאָך אין כל תפוצות ישראל, און איבערהויפּט אין ניו־יאָרק. אין טוריסטן־סעזאָן הער איך דאָ, אין תל־אביב, אויך די זעלבע פֿראַגע. איך וויל דערלעבן די צייט, ווען אַלע יידן וועלן קאָנען עברית.

איך האָב זייער געוואָלט פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך, אָבער הינטער מיר איז געשטאַנען אַ לאַנגע שורה פון בילעטן־קויפער.

די דראַמע „אין די וויסטענישן פון נגב", האָב איך פריער געלייענט. דער סוזשעט איז אַן אַלטער. שוין מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק האָב איך ענלעכעס געלייענט אויף ענגליש; נעמלעך: דער קאָמענדאַנט דאַרף שיקן עמעצן אויף אַ זייער סכנותדיקער שליחות. דער פּאַסיקסטער פאַר דער שליחות איז זיין איינ־ציקער זון. פאַרשטייט זיך אַז דער זון ווערט געהרגעט און דער קאָמענדאַנט ווייזט אַרויס זיין פּאַטריאָטיזם מיט זיין סטאָאישער האַלטונג.

אַרום דעם סקאַרבאָוון סוזשעט האָט דער מחבר געבויט די דראַמע. אָבער דער הינטערגרונט, די מיליע איז געווען אַן עכט ישראלדיקע, און לייענען, לייענט זיך די דראַמע נישט שלעכט. נתפעל צו ווערן איז נישטאָ פון וואָס, נאָר ביים ישוב האָט די דראַמע אויסגענומען. בעסער געזאָגט: „אין די וויסטענישן פון נגב" האָט אָנגעריסן גרויס. איבערהויפּט זענען די יידן פון ישראל נתפעל גע־וואָרן, וואָס די יונגע העלדן אין דער דראַמע האָבן גערעדט אַ העברעאישן סלענג. אויך האָט איין זעלנער אין דער דראַמע גערעדט כמעט אויסשליסלעך יידיש. אַזוי איז די פאַרשטעלונג געווען די סענסאַציע פון ישוב און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט געוואָלט פאַרפעלן די געלעגנהייט צו זען אַ טריאומף פון דער בימה.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. עס איז געווען אַ מיטנוואָך און נישט קיין בענעפיט און אין טעאַטער האָט מען נישט געקאָנט קיין שפּילקע אַריינ־קוועטשן. דאָס שפּילן איז געווען פּראַכטפול. איבערהויפּט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס די ראָלן פון די יונגע כאַראַקטערן האָבן טאַקע געשפּילט יונגע אַקטיאָרן. ס'איז געווען אַ פרייד צו זען אַזויפיל יוגנט אויף דער בינע און אין טעאַטער. אָבער די דריי זאַכן, וואָס האָבן אויך מיר געווירקט, זענען געווען: דער עולם, דער אַקטיאָר, וואָס האָט גערעדט יידיש, און אַ פרייטיק־צו־נאַכט סצענע.

דער עולם האָט מיר געגעבן דעם שליסל צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער ישוב איז אַזוי פאַרקאַכט אין דער דראַמע. דער גרעסטער טייל פון די באַזוכער איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן דורכגעלעבט די גאַנצע מלחמה־טראַגעדיע. חוץ די גרויסע צאָל זעלנער אין טעאַטער, זענען אויך געווען אַ סך טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן קינדער אין די שלאַכטן. אין אונדזער ריי זענען געזעסן אַזעלכע דריי פּאָרלעך. קאָנטיק אַז די פאַרלוסטן אין דער מלחמה זענען געווען שרעקלעכע, מען האָט דאָך אַפילו ביז איצט אָפיציעל נישט פאַרעפנט־לעכט די פאַרלוסטן. האַרט נעבן אונדז איז געזעסן אַ פרוי און האָט געבליפּעט

שטיל און איינגעהאלטן. מען האָט ממש געקאָנט פיזיש אָנטאַפּן דעם ציטער אין טעאַטער ביי יעדער סכנותדיקער סצענע. אויף דער בינע האָט מען געשפּילט טעאַטער, גוט געשפּילט! און אויף די בענקלעך האָט דער עולם איבערגעלעבט די גרוילן אויף אַן אמתן. דאָס האָט געמאַכט פון דער פאָרשטעלונג נישט קיין שפּיל נאָר אַ דראַמאַטישע ווירקלעכקייט.

דער אַקטיאָר וואָס האָט גערעדט יידיש מיט אַ געמיש פון שלעכטן העברעאיש האָט פאָרגעשטעלט אַ גח"ל (גאכאל) אַ סאָלדאַט פון גלות מאָביליזאַציע — גיוס-חוץ-לארץ. ווען ער האָט גערעדט יידיש האָט דאָס טעאַטער ווי אויפגעציטערט. איך האָב געהאַט אַ טאָפּלטן געפיל: אַ טייל פון עולם האָט אויפגעלעבט ווען ער האָט דערהערט מיטאַמאָל אַזעלכע נאָענטע, היימישע, באַקאַנטע און נאַטירלעכע קלאַנגען און ווערטער פון אַן אייגענעם נישט געקינצלטן לשון. אַן אַנדער טייל פון עולם איז פשוט אַריינגעפאַלן אין התפעלות, וואָס מען רעדט יידיש אויף דער בינע פון הבימה. איך האָב מיט יאָרן צוריק בייגעווינט אַזאַ התפעלות אין ניו-יאָרק, ווען דער סינעמאַ אַקטיאָר דזשיימס קאַגני האָט אַרויסגערעדט אַ פּאָר יידישע ווערטער אויפן לייוונט. דערווייל האָב איך זיך דערוווּסט פון הינטער די קוליסן, אַז אין די ערשטע פאָרשטעלונגען איז דער גחל"ניק געמאָלן געוואָרן נישט נאָר ווי אַ נעבעכל, נאָר פשוט ווי אַ פייגלינג, ווי אַ גלות-ייד דאַרף זיין על פּי טעאָריע. אָבער די פּלמחניקעס און די סאַברעס האָבן געמאַכט אַ סקאַנדאַל: — ס'איז אַן אויסגעטראַכטער בילבול אויף יידישע סאָלדאַטן. די גחל"ניקעס זענען געווען פונקט אַזעלכע גוטע זעלנערס ווי די סאַברעס. נו, האָבן די אַקטיאָרן געענדערט דעם כאַראַקטער פון דעם גחל"ניק. ער איז נאָך אַלץ געבליבן אַ היפּש ביסל קאָמיש, איבערהויפּט מיט זיין מישן העברעאיש מיט יידיש, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן מוטיק און העלדיש ווי אַלע אַנדערע זעלנער אויף דער בינע.

די פּרייטיק צונאַכט סצענע אין דער געדרוקטער דראַמע איז ווייט פון צו זיין אַ ספּעקטאַקל. אין בוך שילדערט דער מחבר אַ פּרייטיק צונאַכט אין קיבוץ אין דער צייט פון באַלאַגערונג. די מענטשן זענען הונגעריק, אָפּגעריסן און שמוציק. דער קאָמענדאַנט פון קיבוץ רעדט מיט דער צוקונפטיקער שנור זיינער און זיי דערמאָנען זיך וועגן די אַמאָליקע פּרייטיק צו נאַכטן אין קיבוץ ווען ס'איז געווען רואיק אין לאַנד. אַך, ווי גוט עס איז געווען! מען איז געקומען פון פעלד און גענומען אַ הייסן שפּריץ און זיך איבערגעטון. מען האָט אָנגעטון געפּרעסטע הויזן און אַ פרישע אויבערהעמד. מען האָט די שיך אָפּגעפּוצט און די האָר פאַרקעמט. נאָכן שפּריץ איז מען געגאַנגען שפּאַצירן. מען האָט זיך געזעצט נישט געאיילטערהייט צום עסן. די קינדער זענען געזעסן

אָרום טיש מיט טאַטע מאַמע. נאָכן עסן האָט מען געשמועסט אָדער געזען אַ סינעמאַ בילד. מען האָט זיך דאָך נישט געדאַרפט איילן צו גיין שלאָפן. מאָרגן איז דאָך שבת!

די סצענע, ווי געשילדערט פון מחבר, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די אמתע פרייטיק צו נאַכטן אין די מערסטע קיבוצים. — נישטאָ אין די אָוונטן קיין זכר פון שבתדיקער פייערלעכקייט און צערעמאָניאַל.

אויף דער בינע האָט מען אָפּגעשפּיגלט גאָר אַן אַנדער פרייטיק צו נאַכט. לויט זייער שפּילן איז אויסגעקומען, אַז מען צינדט ליכט אין קיבוץ, מען גרייט צו אַ ספּעציעלן מאָלצייט און מען זינגט שטיקלעך פון דאַוונען. די אַקטיאָרן האָבן געזונגען אָדער בעסער רעציטירט, מיט אַ ניגון פון מעביר זיין די סדרה, פּסוקים פון פּרשה פּנחס. די פּסוקים זענען געווען אַ סימבאָלישע אָנצוהערעניש אויף די פּאַסירונגען פון שפּעטער. דער הויפּט אַקטיאָר האָט געזונגען זיס: — וביום השבת שני כבשים בני שנה תמימים — און אין טאָג פון שבת איז מען מקריב צוויי שעפּסעלעך איינאָריקע אָן אַ פעלער — אַ סימבאָלישע אָנצוהערעניש אויף די יונגע קרבנות.

ווייניק פון עולם האָבן געפילט, אַז אַ ליגן ווערט אָפּגעשפּילט אויף דער בינע, ווייל עס איז געווען גוט טעאַטער. ווען איך האָב באַמערקט צו אַ קיבוצניק, אַז ס'איז נישט אַזוי אין לעבן פון קיבוץ, האָט ער מיר געענטפערט:

— טעאַטער שטעלט נישט פאָר אַלעמאָל ווי דאָס לעבן איז, אָפט שילדערט עס, ווי עס דאַרף זיין לויט דער לאָגיק פון געשעענישן. פרייטיק צו נאַכט דאַרף זיין פרייטיק צו נאַכט ווען ס'איז דאָ האַרץ און גלויבן. מיר זוכן, אין אַ סך קיבוצים פּרובירט מען עפּעס טון. ס'האָט נאָך דערווייל אַ טעם פון רויע קאַרטאָפל, אָבער עפּעס דאַרף געטון ווערן.

די טעאַטער פאָרשטעלונג האָט אונדז איבערגעלאָזן אין אַ זייער צעטרייסלטער שטימונג. מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די שרעק און ראַנגלעניש פון ישוב און די פרייד פון נצחון. מיר זענען געווען אין דעם פּאַכיקן געמיטצושטאַנד צו גיין זען דר. הערצלס ארון. דאָס אַריבערברענגען הערצלס ביינער איז געווען דער ריכטיקער פינאַל צו דער מלחמה: אַט איז דער זיג. דער קערפּער פון דעם גאולה־טרוימער ווערט געבראַכט אַהיים נאָך יאָרן און יאָרן וואַלגערן זיך אין דער פרעמד.

ס'איז געווען אַ היפּשער מהלך צו דער כנסת. דערצו האָט מיין פרוי געהאַט אַ קראַנקן פוס, האָבן מיר געזוכט אַ טאַקסי. אָבער אַלע טאַקסיס זענען געווען פאַרנומען. אַ טאַקסי שאָפער האָט זיך אויף אונדז דערבאַרעמט און אונדז צוגעזאָגט צו קומען צוריק פון דער כנסת און אונדז נעמען אַהין.

מיר זענען געשטאַנען אויפן ראַג פון גאַס און מיר האָבן געזען ווי אַלע הייזער ליידיקן זיך אויס. מענער, פרויען און קינדער און אַלטע לייט. אַלע ציען זיך צום כנסת. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ העלע, אַ לבנההדיקע. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס רוישן פונעם ים און די גאַסן זענען שוואַרץ געוועַן פון מענטשן. אָבער מאָדנע: — מען האָט נישט געהערט קיין טומל און קיין געלעכטער. דער עולם איז געווען ערנסט און שטיל ווי אין אַ רעליגיעזער שטימונג. מיין קרוב האָט צו מיר געזאָגט:

— ס'איז שווער צו באַנעמען, אַז מיר לעבן אין אַזאַ וווּנדערבאַרערער צייט. די שפּעטערדיקע דורות וועלן אונדז מקנא זיין. ס'איז נישט צו באַגרייפן מיטן שכל, וואָס עס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן. עס לעבן נאָך מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט דר. הערצלען. איר האָט אים נאָך געדאַרפט געדענקען. ווי לאַנג צוריק איז עס געווען? אָבער ס'איז שוין אַן אַנדער וועלט. נישטאָ די שטעטלעך פון פוילן, ליטע און רייסן. דער טערק איז מער נישט קיין באַלעבאָס דאָ אין לאַנד. די אַראַבער זענען נישט געוואָרן —אַנטרונען. אַ פרייע יידישע מדינה מיט אַ כנסת און הערצל קומט צוריק אין אויסגעטרוימטן לאַנד.

ער האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך:

— איך געדענק נאָך ווי אין אונדזער פרומען יידישן הויז האָט מען הערצלס נאָמען נישט געטאָרט דערמאָנען, אויף די ליפּן נישט אַרויפברענגען. און איצט זיצט אין כנסת דעם רבנס אַן אייניקל און מיין פרומע מאַמע, וואָס איז שוין אַן אכציקערן, האָט צוגעגרייט באַנדאַזשן פאַר די יידישע זעלנער אין דער צייט פון מלחמה. איך זאָג אייך, אַז מיר לעבן אין משיחס צייטן. ס'איז אתחלתא דגאולה, — דער אָנהויב פון דער גאולה. אַנדערש קאָן מען נישט דערקלערן ווי אַזוי ס'איז פון דעם שקלים שפּיל פון די ייִנגלעך און מיידלעך אין די שטעטלעך אויסגעוואַקסן אַ יידישע מדינה?

די טאַקסי איז אָנגעקומען. מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט און אָפּגעפאָרן. לאַנג זענען מיר אָבער נישט געפאָרן. אַ מיליטערישער פּאָליציימאַן האָט אונדז אָפּגעשטעלט: — עד כאן, ווייטער קאָן מען נישט פאָרן, די גאַסן זענען אָפּגעצוימט.

מיר זענען אַרויס פון טאַקסי. דער עולם איז געווען געדיכט, אַזוי געדיכט, אַז מען האָט געריבן אַן אַקסל אין אַן אַקסל. אויף יעדער צוואַנציק מעטער איז געשטאַנען אַ מיליטערישער פּאָליציימאַן אָנגעטון אין פולער פאָרמע און געהיט די אָרדענונג. אָבער באמת זענען זיי געווען איבעריק. קיין פרידלעכערע מאַסע מענטשן האָט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס זענען געווען די זעלביקע יידן, וואָס זענען געגאַנגען אַזוי פרום ראש השנה און יום כפור אין שול. אָט אַזוי פלעגט זיך אַ לאַז טון דאָס גאַנצע

שטעטל אין די ימים נוראים אין שול אריין, און די הייזער פלעגן בלייבן אויסגעליידיקטע. נאר די עופהלעך אין די וויגן זענען געבליבן אין דער היים. נישט מער, די יידן איצט, וואס גייען צום כנסת, זענען געווען רואיקערע און שטאלצערע, זיכערע און פריידיקע.

יידן ווי זאמד ביים ברעג ים! ס'איז ענג, אבער מען שטופט זיך נישט. שבת־יום־טובדיקע יידן. מען גייט און מען גייט שטיל און ערנסט. איך האב דערפילט אין זיך עפעס א מאדנעם ציטער: אמאל האב איך אזא סצענע געזען, נאר עפעס פעלט. מיטאמאל האב איך זיך דערמאנט: — אט אזוי האב איך זיך פארגעשטעלט, זענען געגאנגען יידן צום הר הבית, צום בית המקדש ווען זיי האבן געבראכט ביכורים. נישט מער, מען דארף דאך זאגן די פאסיקע פסוקים פון חומש. און איך האב זיך אנגעהאלטן אן מיין פרוי און פארמאכט די אויגן און געשעפטשעט שטיל:

— א וואנדערנדיקער אראמעער איז מיין טאטע געווען, און ער האט אראפגענידערט קיין מצרים און האט דארט געוווינט מיט ווייניק מענטשן, און דארט איז ער געווארן א גרויס און שטארק פאלק. און די מיצרים האבן אונדז שלעכטס געטון, און זיי האבן אונדז געפייניקט, און זיי האבן אויף אונדז ארויפגעלייגט שווערע ארבעט. און מיר האבן געשריגן צו גאט, אונדזער גאט, און ער האט דערהערט אונדזער קול, און ער האט דערזען אונדזער פיין, אונדזער מאטערניש און אונדזערע ליידן. און גאט האט אונדז ארויסגענומען פון מצרים מיט א שטארקער האנט און אויסגעשטרעקטן ארעם, מיט גרויס מורא, מיט צייכנס און וונדער. און ער האט אונדז געבראכט צו דעם ארט און האט אונדז אפגעגעבן דאס לאנד...

מיין קרוב האט מיך א טרייסל געטון: — דר. סיימאן, וואס, איר זאגט עפעס א תפילה מיט האלב פארמאכטע אויגן? מיר זענען שוין דא.

איך האב אויפגעעפנט די אויגן. דער אפגעצוימטער סקווער ארום ים איז געווען פארפלייצט מיט ליכט. אנטקעגן מיר איז אויף א הויכער פלאטפארמע געלעגן דער ארון באדעקט מיט דער יידישער פאן און ארומגערינגלט מיט גרויסע עלעקטרישע ליכט אין דער פארם פון סטעארענאווע ליכט. צוויי זעלנער זענען געשטאנען אין פארנט פון ארון. זיי זענען געשטאנען אויסגעצויגן ווי סטרונעס, ווי פארגליווערט מיט אנטבלויזטע שווערדן אין די רעכטע הענט.

די מיליטערישע פאליציי האט געפירט די שערענגע מענטשן דורך אפגעצוימטע שטריק פארביי דעם ארון און נישט געלאזט קיינעם צו פארהאלטן זיך לאנג. „נישט בלייבן שטיין" — האבן זיי געהאלטן אין איין איבערחזרן, ווייל מענטשן זענען געווען אן צאל און א ברעג, נישט איבערצוציילן.

מיר האָבן זיך אַריינגעפּלאָכטן אין דער ריי און מיר האָבן זיך מיט פּאַמעלעכע טריט דערנענטערט צום אָרון. ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם אָרון און איך האָב זיך פאַרקוקט צום אַרויסגאַנג צום ים צו, האָב איך עפּעס באַמערקט הינטער דעם אָרון, האַרט ביי דער הויכער וואַנט, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט לעבן טראָטואַר ביים ים, אָפּצוטיילן דעם אָרון פון די מענטשן, וואָס גייען אַרויס פון די רייען; דאָרט אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ ייד און זיך געשאָקלט איבער אַ גרויסן משניות. דער משניות איז געלעגן אויף אַ הויכן שטענדער, אַ ליכט האָט געברענט דאָרט, אַ פּראָסטע סטעאַרענאָווע ליכט. מיט אַ יאַרמעלקע, אָנגעטון ווילעריש אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך דער ייד פרום געשאָקלט און געברומט אַ טראַדיציאָנעלן גמרא-ניגון.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. אַ פּאָר הונדערט מעטער פון ראָג גאַס איז געשטאַנען אַן אַמבולאַנס פון רויטן מגן דוד, קראַנקן־שוועסטער, עטלעכע דאָקטוירים, און אַ היפּשע צאָל אַרויסהעלפער זענען געזעסן אויף בענק אַרום דער אַמבולאַנס.

מיין קרוב האָט געפרעגט: — נו, עפּעס אַ סך אומגליק־פאַלן?

— דערווייל קיין איינער נישט, האָט אַ יונגער דאָקטאָר געענטפערט, און דער זייגער איז שוין באַלד צוויי.

ס'האָט אונדז גענומען אַ פולע שעה ביז מיר האָבן זיך פאַרשלעפּט אַהיים. איך בין לאַנג געלעגן אויף דעם פיין אויסגעבעטן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפן. מאָדנע, ס'זענען נישטאָ קיין איבעראַשונגען אין דער יידישער געשיכטע. מיט העכער דריי טויזנט יאָר צוריק, האָט מען לויט דער טראַדיציע, געבראַכט אַהער יוספס ביינער און איצט הערצלס. איך האָב געטראַכט: ווי וואָלט הערצל געפילט ווען ער וואָלט געקאָנט זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם פּאַראַד, וואָס מען האָט געמאַכט אַרום זיין אָרון? נו, ער וואָלט זיכער געוועזן צופרידן. ער האָט דאָך מסתמא געזען אין זיין ווין, די גענעראַלן, שטאַטסלייט און בכלל וויכטיקע טויטע לייט ליגן אַזוי פּאַראַדנע אין זייערע אָרונס, באַדעקט מיט פלאַגן, און אַן ערן־וואַך פון זעלנער מיט אַנטבלויזטע שווערדן היטן זיי. אפילו דער ייד מיט דער יאַרמעלקע, וואָס איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל איבער דעם גרויסן משניות, איז אויך אין „גוטן טאָן". רעליגיע האָט איר פּלאַץ אין אַ מאָדערנעם שטאַט. זי טאָר נישט זאָגן קיין דעה, אָבער איגנאָרירן זי טאָר מען נישט. יאָ הערצל וואָלט געוועזן צופרידן. ווען מ'זאָל פרעגט אַ מערב־אייראָפּעאישן ייד ווי אַזוי אויפצונעמען אַן אָרון פון אַ צוריקגעקערטן פירער, וואָלט ער געזאָגט אַז מ'דאַרף מאַכן פּונקט אַזאַ פּאַראַד ווי מען האָט געמאַכט.

אָבער און אָבער! וואָס וואָלט אַ ייִד ווי אחד העם געזאָגט אויף אַזאַ ספּעקטאַקל? וואָלט אים געפעלן געוואָרן צו זען דעם אָרון איינגעוויקלט אין פלאַגן און צוויי זעלנער מיט אַנטבלויזטע שווערדן שטייען און היטן, און פאַר־רוקט אין אַ ווינקל שאָקלט זיך אַ ייִד איבער אַ משניות?

איך האָב באַלד געוווּסט דעם ענטפער. — איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס אחד העם האָט געשריבן וועגן הערצלס שילדערן פּסח אין אויסגעטרוימטן לאַנד, אין זיין בוך אַלט־נייַלאַנד:

— „דאָס איז ווי פון מאַלפּעס, נאָכגעקרימט, אָן שום זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און אַ ריח פון „קנעכטשאַפט אין פרייהייט״ הערט זיך פון אַלע זייטן...״

אינדערפרי ביים פרישטיק, זאָגט מיין קרוב: — איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב געהערט ווי איר האָט זיך אייך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. איך זאָג אייך:

— ווייל איז אונדז, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען אַזוינס מיט אונ־דזערע אייגענע אויגן.

איך האָב געשוויגן. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון, אוועקגעלייגט גאָפּל־מעסער און געזאָגט:

— אַהאַ, איך זע שוין, עפּעס איז אייך נישט געפעלן. עס שטימט נישט ביי אייך מסתמא מיט אייער ייִדישקייט.

איך האָב אים רואיק איבערגעגעבן, וואָס איך האָב געטראַכט אין מיין שלאָפלאָזיקייט, און צוגעגעבן, אַז מען האָט נישט געדאַרפט מאַכן קיין גויאיש ספּעקטאַקל.

ער האָט אַ זיפץ געטון:

— ס׳איז נישט אויסצוהאַלטן פון אייך. דוכט זיך גוט, גוט. מיטאַמאָל אַהאַ! איר קלעטערט זיך שוין ווידער אויף די גלייכע ווענט. ווער קאָן אייך צופרידנשטעלן? ווער, פרעג איך אייך?

אפשר איז ער גערעכט געווען.